# מסעי

**א. וועגן די מ״ב מסעות שבפרשת** מסעי, זאָגט דער בעש״ט[1], אַז זיי זיינען אַלע פאַראַן ביי יעדער אידן, במשך שנות חייו: „אשר יצאו מארץ מצרים״ — לידת האדם, דערנאָך במשך ימי חייו — שאר המסעות, ביז ער קומט צו ארץ החיים העליונה.

און כאָטש אַז צווישן די מסעות זיינען דאָך דאָ מסעות היפך הרצון העליון, **איז לכאורה ווי קען מען** אויסשטעלן אַ סדר אַז בחיי כל אחד ואחד מוזן זיין ענינים היפך הרצון? איז דאָס מובן על פי ביאור הבעש״ט, **אַז די מסעות מצד עצמם זיינען קדושה**, נאָר (עס איז דאָך געגעבן געוואָרן בחירה, איז) מצד מעשיהם זיינען אַרויסגעקומען די ענינים היפך הטוב. אָבער בשעת די בחירת האדם איז ווי עס דאַרף זיין, „ובחרת בחיים״ (און מען האָט אויך אַ נתינת כח וסיוע אויף דעם, ווייל די תורה זאָגט דאָך אים „ובחרת בחיים״), דאַן זיינען אַלע מסעות — עליות מחיל אל חיל בקדושה.

ולדוגמא ברענגט ער דעם מסע פון קברות התאוה, וואָס „שם קברו את העם המתאוים״. איז דער ענין אין קדושה, ובמדריגה נעלית בקדושה, אַ מדריגה וואו ס׳איז ניט שייך קיין תאוה, ניט נאָר וואָס בפועל איז ניטאָ קיין תאוה נאָר „קברו גו׳ המתאוים״, אַז ס׳איז גאָרניט בגדר עס זאָל זיך שייך תאוה. נאָר מצד התערבות הלעומת זה איז געוואָרן אין אַ ציור היפך הטוב. ע״כ תוכן הביאור.

ומזה בנוגע דעם ענין פון די מ״ב מסעות ווי זיי זיינען בחיי האדם הישראלי: די מסעות און ענינים וועלכע זיינען געוועזן ביז איצטער, ווייסט מען דאָך שוין וועלכע ענינים מען האָט אויסגענוצט לטוב און וועלכע להיפך. אָבער בנוגע מכאן ולהבא, די מסעות וועלכע ער דאַרף נאָך דורכגיין, האָט ער די בחירה און דעם אָנזאָג אויסנוצן אַלע זיינע מסעות אין דעם קו הטוב.

ובפרט מצד דעם ענין פון ובחרת בחיים, אילנא דחיי, פנימיות התורה, וועלכע איז מגלה דעם טוב פון יעדער ענין און איז מהפך אויך דעם ניט־טוב — לסם חיים.

**ב. די זעלבע זאַך איז בנוגע דעם** ענין פון בין המצרים (וואָס אין די טעג לייענט מען אַלעמאָל פרשת מסעי[2]), **אַז די ענינים וועלכע האָבן** צוגעבראַכט צו בין המצרים, איז ווען ניט די התערבות פון לעומת זה, האָט מען זיי געקענט אויסנוצן אין עבודה נעלית[3] אין קדושה.

ובדוגמת חטא העגל, וואָס ער איז דער שורש פון די אַלע חטאים שלאחריו, איז דאָך ידוע[4], אַז דער חטא איז געקומען פון דעם וואָס אידן האָבן זיך מתבונן געווען אין דער מרכבה (און דעם פני שור שבמרכבה) בשעת מתן תורה. קומט דאָך אויס, אַז אפילו אַזאַ ענין וואָס קען ברענגען צו אַ חטא גדול ביותר — ביז צום חטא העגל, איז בשעת ס׳איז ובחרת בחיים,

1) הובא בספר דגל מחנה אפרים פ׳ מסעי.

2) ראה לעיל ע׳ 1075 הערה 21. וראה של״ה חלק תושב״כ ר״פ מטות.

3) כמובן מגודל הנפילה.

4) שמו״ר פמ״ב, ה.

פאַרמיידט מען דעם חטא און נאָך מער, מען נוצט אויס דעם ענין אין אַ מדריגה נעלית בקדושה, ביז צו התבוננות בהמרכבה און אלפי שנאן וכו׳ — העכער ממה שראה יחזקאל בן בוזי [5].

און על דרך ווי מיר געפינען ביי ירבעם בן נבט, וואָס בשעת די משנה וויל ברענגען אַ דוגמא פון אַזאַ איינעם וואָס „חטא והחטיא את הרבים״, דער־מאָנט זי ירבעם בן נבט, פונדעסטוועגן זאָגט אויף אים די גמרא [6], אַז ער האָט געלערנט ק״ג פנים בתורת כהנים; „והוא מתכסה בשלמה חדשה ושניהם לבדם בשדה״, ער האָט גע־לערנט צוזאַמען מיט אחי׳ השילוני און מחדש געווען אַזוינע חידושים אין תורה וואָס נאָר זיי בידע האָבן עס געקענט [7]. נאָר דורך דער התערבות פון לעומת זה איז עס ביי אים אַרויס־געקומען אין קצה היותר הפכי (ק״ג בגימטריא עגל); איז אָבער מובן, אַז דורך ובחרת בחיים וואָלט ער געקענט דעם זעלבן שכל אויסנוצן אין אַן אופן נעלה ביותר.

און אַזוי איז עס אויך בנוגע „בין המצרים״, אַז די ענינים וועלכע האָבן דערצו צוגעבראַכט, איז ווען ניט די התערבות דלעומת זה וואָלט פון זיי געקענט אַרויסקומען אַן ענין נעלה בקדושה. און אויך נאָכדעם ווי דער לעומת זה האָט זיך אַריינגעמישט, איז דורך תשובה זדונות נעשים כזכיות — דורך תשובה איז מיד נגאלין, בגאולה השלימה, און הימים האלו יהפכו לששון ולשמחה; דורך דעם „בין המצרים״ וועט מען צוקומען צו „נחלה בלי מצרים״, וואָס עס וועט נתגלה ווערן בקרוב דורך משיח צדקנו.

(משיחת ש״פ מטו״מ תשי״ם)

5) ראה יל״ש יתרו רמז רפו בתחלתו.
6) סנהדרין קג, ב.
7) סנהדרין קב, א.

# לקוטי שיחות

•

## דברים

# דברים

א. די גמרא זאָגט [1], אַז דעם ספר דברים האָט משה רבינו געזאָגט „מפי עצמו". זאָגט אויף דעם תוספות: „וברוה"ק".

אין רוח הקודש זיינען פאַראַן אַ סך מדריגות. אויף משה רבינו שטייט [2], „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה", איז מובן, אַז דער רוח הקודש פון משה רבינו איז געווען בתכלית המעלה; דערצו איז דאָך ספר דברים, משנה תורה, אַ חלק פון תורה שבכתב — איז דאָך זיכער אַז דאָס וואָס משה האָט געזאָגט משנה תורה „מפי עצמו", מיינט עס ניט צו זאָגן אַז ס'איז ניט געווען מפי הגבורה ח"ו [3], וואָרום דער רמב"ם פסק'נט [4] דאָך, אַז אויב עמעצער זאָגט וועגן איין וואָרט פון דער תורה, אַז משה רבינו האָט דעם וואָרט געזאָגט פון זיך אַליין — איז ער אַ „כופר", און מכל־שכן אַז ס'איז ניט שייך צו זאָגן וועגן אַ גאַנצן ספר פון תורה שבכתב, אַז משה האָט אים געזאָגט פון זיך אַליין. מוז מען זאָגן, אַז „מפי עצמו" מיינט, אַז משה רבינו האָט דעם ספר דברים געזאָגט מיט רוח הקודש, ווי אלקות האָט זיך אָנגעטאָן און איז געוואָרן פאַראייניציקט מיט משה'ן, וכמאמר [5] „שכינה מדברת מתוך גרונו של משה", וואָס דעריבער האָט משה געזאָגט [6] „ונתתי מטר גו' ונתתי עשב גו'" (איך וועל געבן כו'), ווייל דאָס האָט די שכינה גערעדט פון זיין האַלז.

דער חילוק צווישן משנה תורה און די פריערדיקע פיר ספרים איז בלויז אין דעם אופן ווי אַזוי זיי זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן דורך משה רבינו צו אונז: די פיר ספרים, כאָטש אויך זיי זיינען צו אונז געקומען דורך משה'ן (נאָר „אנכי ולא יהי' לך — מפי הגבורה שמענום", אָבער אויף אַלע אַנדערע תרי"א מצוות שטייט: „תורה צוה לנו משה", תורה בגימטריא תרי"א [7]), האָט זיי אָבער משה איבערגעגעבן נאָר ווי אַ שליח [8], מה שאין כן משנה תורה האָט משה רבינו אונז איבערגעגעבן ווי ער וואָלט עס געזאָגט „מפי עצמו", ניט ווי אַ שליח, ווייל די שכינה האָט זיך אָנגעטאָן אין זיין השגה און זיך פאַראייניציקט מיט אים, און גערעדט „מתוך גרונו של משה" [9].

און על דרך זה איז עס אויך בנוגע אַלע חידושי תורה וואָס זיינען צו אונז נתגלה געוואָרן דורך די תנאים ואמוראים און די אַלע תלמידי חכמים

---

1) מגילה לא, ב. וראה לקו"ת שה"ש כ, ג.

2) דברים לד, י.

3) וע"פ לקו"ת במדבר (טו, ג) י"ל דאדרבה כו'. וראה לקמן אות ג'.

4) הלכות תשובה פ"ג, ה"ח.

5) להעיר מזח"ג רלב, א. שם ז, א. רסה, סע"א. שמו"ר פ"ג, טו. ויק"ר פ"ב, ג. מכילתא שמות יח, יט.

6) דברים יא, יד־טו. וראה לקו"ת בחוקותי ג, א.

7) מכות כג, סע"ב. כד, רע"א.

8) רש"י מגילה לא, ב ד"ה משה.

9) בפרטיות יותר: רוח הקודש (של משה — בחי' ז"א דאצי') הו"ע בחי' „מפי עצמו", לפי שמשם הי' שרש נבואתו והשגתו. ומ"ש בפנים שאינו מפי עצמו אלא מעם ה', הכוונה, ששרש כל התורה למעלה מעלה מבחי' ז"א אלא שהספר משנה תורה נתלבש בבחי' ז"א. עיין לקו"ת שה"ש כ, ג.